# אַ "סדר" אין דער טײַגע

אוון ס'איז געווען דאָס אײנציקע מאָל אין מײַן לעבן, ווען אַרום דעם פּסחדיקן טיש האָבן אַלע געמיינט אין אַן אמתן נאָר די הגדה און נישט די קניידלעך, שוין פּשוט דערפֿאַר אפֿשר ווײַל מיט קיין קניידלעך האָט דאָרט אַפֿילו נישט געשמעקט.

---------

אין יענעם יאָר האָט דער פֿרילינג אין סיביר זיך צוגעאײַלט אַ ביסל און גענומען זיך שטעלן אַ גוטע פּאָר וואָכן איידער מ'האָט זיך אויף אים גערעכנט. דער אָב האָט ערטערווײַז אָנגעהויבן זיך נעצן, האָט מען אויפֿגעהערט פֿאָרן איבערן טײַך און אַפֿילו אים אַריבערגיין צו פֿוס איז שוין אויך געווען אײַנגעשטעלט, האָט מען זיך אָפּגעהאַלטן, געזעסן אין דר'היים און גענומען וואַרטן ביז גאָט וועט העלפֿן און די נאַוויגאַציע וועט זיך אָנהייבן. ס'איז נישט אַזוי פּשוט ווי עס קען זיך דאַכטן. וואַרטן איז אַ קליינער אומגליק. מ'איז געוווינט דאָ צו וואַרטן, ווען זשע? ווען מ'איז פֿאַרזאָרגט באַטשבי מיט דער טעגלעכער פּײַקע ברויט, אָדער, לכל־הפּחות, מיט אַ ביסל קאַרטאָפֿליעס, עטלעכע בורעקלעך אָדער טורנעפּסן. ווי אַזוי איז אָבער דער דין ווען דער קעלער איז ליידיק ווי אויסגעקערט מיט אַ בעזעם און די געציילטע אָרטיקע "גבֿירים־אַדירים" פֿון צווישן די אַלט־אײַנגעזעסענע סיביריאַקעס, וואָס פֿאַרמאָגן נאָך פֿאָרט עפּעס דאָרט אין זייערע "שפּײַכלערס",

וועסטו בשום־אופֿן נישט פֿולן זיי זאָלן דיר פֿאַרקויפֿן כאָטש עפּעס וואָס אונטערצוהאַלטן די נשמה, זאָלסט זיי אַפֿילו נאַרייַען דאָס שענסטע און דאָס בעסטע. אין דעם צייַטאָפּשניט טאָגט שוין בייַ יעדן אין די זאַפּאַסן, וועט קיינער נישט אַרויסרייַסן בייַ זיך דעם ביסן פֿונעם מויל, דו זאָלסט אים אַפֿילו אָפּגילדן.

טאָמער וויניק, נעמט גאָט און שיקט אונדז צו אַ נייַע מכּה, פֿון די ניט־פֿאַרהגדהטע סיבירער מכּות און פֿון די שווערע שיכטן שניי פֿאַר דעם לאַנגדויערנדיקן ווינטער, פֿאַלט אייַן דער קומען פֿון דער בעקערייַ אין קראַסנאָיאַר, פֿון דעם איינציקן "בליעבזאַוואָד" (גאָט זאָל מיך ניט שטראָפֿן פֿאַר די רייד), וואָס פֿאַרזאָרגט מיט ברויט אַלע דערפֿלעך און יישובֿים פֿונעם אַרום. וואָס טוט מען אין אַזאַ פֿאַל? מען באַגנוגנט זיך מיט דרייַ מאָל אַ טאָג בליעפּטשען די קאַליפֿוציע, דעם פּריוואַריק, קייַ און שפּייַ. פֿון וואַלד־שוועמעלעך פֿאַרפּראַוועט מיט קאָלבאַ (ווילדער קנאָבל), וואָס, איידער מען שלינגט אַראָפּ דעם לעצטן לעפֿל געקעבטס, איז מען שוין ווידער הונגעריק.

אַזוי האָט זיך געצויגן בייַ די צוויי וואָכן, ביז ס'איז אָנגעקומען די ידיעה פֿון קראַסנאָיאַר, ווו ס'האָט זיך געפֿונען דער דאָרפֿראַט און ס'האָט דאָרט אויך געוווינט אונדזער קאָמענדאַנט, מען זאָל אַרויסשיקן צוויי געזונטע בחורים מיט שליטעלעך, וועט מען אונדז שיקן מיט זיי צוויי זעקלעך מעל - דעם "טרוקענעם" פּאַיאָק, אַזוי צו זאָגן, וואָס קומט אונדז פֿאַר די צוויי וואָכן. און ווייַטער... ווייַטער איז גאָט אַ פֿאָטער. אין גיכן, האָפֿן זיי, וועט די פּעקאַרניע ווידער אָנהייבן אַרבעטן.

די עקספּעדיציע האָט אַרויסבאַגלייט דער גאַנצער אוטשאַסטאָק. יעדער האָט עפּעס אָנגעזאָגט, דערמאָנט, געעצהט אָדער סתּם אַ ברכה נאָכגעשיקט. דער וועג איז פֿאַרגעשטאַנען אַ שווערער, ניט קיין אויסגעטראָטענער. מיט אָן אַ שיעור קאַליוזשעס צעגאַנ־גענעם שניי, אַזוי אַז אַפֿילו ליידיקע, ניט־אָנגעלאָדענע, האָבן די שליטעלעך זיך שווער געשלעפּט. אַ וואָך צייַט האָט געדויערט ביז

מ'האָט דערלעבט צו זען די חבֿרה צוריק אין דר'היים. נישט געקומען, נאָר דערקראָכן זענען זיי און אויך דאָס אַ דאַנק דער מיטהילף וואָס מ'האָט אַרויסגעשיקט זיי באַגעגענען.

אַזוי האָט דער אייבערשטער אונדז פֿאַרזאָרגט מיט מצות אויף פּסח. די ניט־ייִדן האָבן געמאַכט קליאָצקעס, געקאָכט זאַטעריוכעס, זיך געקוויקט מיט אַ פּיסנעם קאָליש און די ייִדישע פּרויען, ווײַל ס'איז געווען פּונקט ערבֿ פּסח, האָבן פֿון דעם באַקומענעם מעל געבאַקן מצות.

עס קלינגט זייער וואַזשנע – געבאַקן מצות!! נישט קיין אייער־מצות, אַוודאי נישט קיין שמורה־מצות, מצהלעך די גרייס ווי אַ גענעץ, ווײַל זיי האָבן זיך געבראָכן אונטער דער קאַטשעלקע, אָבער פֿאָרט מצהלעך, פֿון ליים־קאָליר אַפֿילו, נאָר זייער באַטעמטע. נאָך אַלעמען שטייט אין ערגעץ נישט געשריבן, אַז מצות מוזן זײַן געלע, קראָביקע, זענען אונדזערע מצות דעריבער געווען טאַקע צוגעפּאַסט צום אמתן סטאַנדאַרט: הָא לַחְמָא עַנְיָא דְסִיבִּיר.

די ייִדישע משפּחות פֿון אונדזער באַראַק און פֿונעם שכנותדיקן אוטשאַסטאָק זענען געקומען. יעדער מיט זײַן אייגענער פּאָרציע מצות, פֿאַרשטייט זיך, פּראַווען בײַ אונדז דעם סדר. מײַן מאַמע האָט אָנגעפֿירט מיטן פּאַראַד. קיין הגדות האָבן מיר נישט געהאַט, האָט מײַן קלוגע מאַמע פֿאָרגעלייגט פּראַווען דאָס מאָל דעם סדר לויט אַ שפּאָגל נײַעם נוסח. אַזוי פֿיל יאָרן געפֿירט די סדרים ווי גאָט האָט געבאָטן און ווי אונדזערע אַמאָליקע חכמים האָבן אײַנגעזען און צונויפֿגעשטעלט, וועלן מיר דאָס יאָר, בעל־פּרחנו, געבן אונדזער אייגענעם פּירוש די פֿון דורות אײַנגעפֿונדעוועטע מינ־הגים. קיין קשיות וועלן מיר נישט פֿרעגן, קודם ווײַל ס'איז ניטאָ ווע̇מען צו פֿרעגן, והשנית – אָנהייבן פֿרעגן קשיות, וועלן מיר נישט אַרויס ביז אין דער פֿרי. אונדזערע קשיות זענען אייגנטלעך נישט קיין קשיות, נאָר טענות, טענות צום רבונו־של־עולם. פֿאַר וואָס, למשל, עסן מיר הײַנט נישט קיין חמץ? – זייער פּשוט, ווײַל ס'איז

איַינגעפּאַלן די בעקעריַי אין קראַסנאָיאַר, און מרור האָבן מיר שוין אַפֿילו מער ווי מען דאַרף, מיר גייען שוין אַרום אַלע אויסגעגרינטע פֿון אַזוי פֿיל קאָלבאַ. און נישט מיר טינקען, נאָר מיר טרענקען זיך אין אַ ים פֿון טרערן און ליגן, ליגן מיר נײַן איילן אין דר׳ערד, וויַיט אָפּגעשיידט פֿון אונדזערע אייגענע און נאָענטע.

...עֲבָדִים הָיִינוּ לְפַרְעֹה בְּמִצְרָיִם און היַינט זענען מיר קנעכט בײַ סטאַלינען, פֿאַרשיקטע אויף קאַטאָרגע אין דער סיבירער טײַגע, מענטשן אָן רעכט און אָן דער מינדסטער האָפֿענונג מיר זאָלן זיך ווען ס׳איז ניט איז פֿון דאַנען ראַטעווען.

וואָס טויגן אונדז די ציטאַטן פֿון צוריק מיט טויזנטער יאָרן – וואָס ר׳ אליעזר האָט געזאָגט דאָרט וועגן יציאת־מצרים, אָדער ר׳ בערל, צי ר׳ שמערל, ווען מיר קענען הערן די מומע גיטל און די מאַדאַם גלאַגער, די מאַדאַם גורוויץ און סאָניע שמוקלער, שיינדל געלמאַן און די מאַדאַם שוואַרצמאַן, זאָלן זיי אונדז דערציילן ווי אַזוי, אָן אַ פֿאַרוואָס און אָן אַ פֿאַרווען, האָט מען זיך, אין אַ פֿינצטערער נאַכט, אַרײַנגעריסן און חרובֿ געמאַכט זייערע שטיבער און זייער משפּחה־לעבן. זאָל יעדע פֿון איַיך דערציילן ווי אַזוי מיר האָבן געלעבט אין די קליינע שטעטלעך, אָפּגעהיט ייִדישקייט און מענטשלעכקייט, געזאָרגט און פֿאַרזאָרגט אָרעמע לײַט מיט חלה אויף שבת און מצות אויף פּסח, מיט אויסשטאַטונג פֿאַר אָרעמע כּלות און מיט הילף פֿאַר די נויט־באַדערפֿטיקע און, נישט געקוקט דערויף, האָט דער רבונו־של־עולם געשיקט זײַן שליח, וועלכער האָט אונדז פֿאַראורטיילט וואַנדערן און אָפּוויסטן דאָס לעבן אין דער סיבירער טײַגע.

...און ווען מען זאָל געווען אונדז פֿאַרשיקן און כאָטש נישט צעטיילן מיט די מענער, מיט די פֿאָטערס, וואָלט, דאַכט זיך, אויך געווען *דיינו!* איז ניין! דעם בעבער פֿון ייִסורים דאַרף מען אויסטרינקען ביזן דנאָ – די מענער אָפּגעטיילט און פֿאַרשיקט אויף צוואַנגאַרבעט אין די לאַגערן אויפֿן אוראַל און די פֿרויען מיט די קינדער אויף אומקום אין דער טײַגע.

מיר האָבן אַ פּנים שווער געזינדיקט, אויב דער רבונו־של־עולם שיט אויס זײַן גאַנצן צאָרן דווקא אויף אונדז, שיקט די מכּות אונדז און נישט אונדזערע אונטערדריקערס. און בכלל וואָס איז עס פֿאַר אַ "שפֿוך חמתך"? פֿאַר וואָס ביסטו אייביק פֿול מיט צאָרן און מוזסט אויסלאָזן צו עמעצן? דאָס וואָס האָסט באַשאַפֿן, דאָס האָט זיך באַקומען, טענות קענסטו האָבן נאָר צו זיך אַליין.

און אַלע זענען מסכּים און יעדע דערציילט איר חלק פֿון דער ניט־פֿאַרשריבענער סיבירער הגדה, ביז סע ווערט שפּעט און מען כאַפּט זיך, אַז די קערה אויפֿן טיש שטייט אַ פֿאַרשעמטע ווי אַן "אָרעמע כּלה" אַן אויסגעפּוצטע מיט אויסגעבאָרגטן צירונג. אַן אויסגעבעטענע אָפּגעקאָכטע קאַרטאָפֿליע, אַביינדל פֿון גאָט ווייסט וואָס פֿאַר אַ חיה, אַ סאָסנאָווע שישקע אויפֿן אָרט פֿון אַן איי, יאַגאָדעס אין אָרט פֿון חרוסת און אַ סך, אַ סך מרור – קאָלבאַ. אַלע אַרום טיש באַקומען אַ חלק פֿונעם "גוטס", מאַכט מען אַ ברכה און מ׳איז זיך מכבד. דערנאָך פֿאַרטרינקט מען מיט שטאַרקער טיי, פֿאַרפֿאַרעטע פֿון אויסגעטריקנטע ברוסניקע־בלעטלעך און מען נעמט זיך צו די זמירות. זמירות מיט אַ באַטײַט, זמירות מיט קאָמענטאַרן, פֿאַרשטייט זיך. דעם "אֶחָד מִי יוֹדֵעַ?" רײַסט מען איבער באַלד נאָך די "אַרְבַּע אִמָּהוֹת", דערפֿאַר לייגט מען דעם טראָפּ אויף "חַד־גַּדְיָא" און האַלטן אין איין וואַרטן ביז די קאַץ וועט פֿאַרצוקן דאָס ציגעלע, און דער כּלבֿ וועט אַ ביס טאָן די קאַץ, און דער שטעקן וועט דערלאַנגען דעם הונט און אַזוי ווײַטער און אַזוי ווײַטער – איין אויסגוס פֿון צרות און ווייטיקן. קיינער פּרוּווט אַפֿילו נישט צו לייזן דעם סבסוך אויף אַ פֿרידלעבן אופֿן. מען הרגעט און מען שׂרפֿעט און מ׳איז גרייט אײַנשלינגען איינער דעם צווייטן, אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט ביז דער מלאך־המוות ברענגט אום דעם שוחט, דעמאָלט כאַפּט זיך דער רבונו־של־עולם, אַז עס האַלט שוין שלעכט, מ׳האָט אַ ביסל איבער־געבאַפּט די מאָס, מישט ער זיך שוין סוף־כּל־סוף אַרײַן און שטעלט אָפּ די הריגות.

– פֿון וואָס מענטשן קענען הנאה האָבן און אין וואָס זיי קענען גלייבן אין אַ צײַט פֿון נויט? מ׳האָט צונויפֿגעשטעלט אַ מעשׂה, אַ שוידערלעכע מעשׂה, צוגעטשעפּעט איר כּלומרשט אַ ״העפּי־ענד״ (אַ גליקלעכן סוף) און... געלויבט איז גאָט לעולם־ועד! מען חזרט עס איבער מדור לדור און, ווי אַ מענטש וואָס טרינקט זיך, כאַפּט מען זיך אָן אין דער האָפֿענונג, אַז דער גאָט וואָס האָט אַרויס־געפֿירט אונדזערע אָבֿות־אַבֿותינו פֿון מצרים, דער זעלבער וועט אויך אונדז פֿון דאַנעט אויסלייזן בּמְהֵרָה, בְּיָמֵינוּ, אָמן!

קיינער האָט דערבײַ נישט געוואָלט אַפֿילו אַ טראַכט טאָן, אַז עס קען זיך מאַכן און דער דאָזיקער ״סדר״ וועט זײַן דער לעצטער אין זייער לעבן. צום יאָר איז מײַן מאַמע שוין נישט געווען. אויך אַנדערע זגוריצער פֿרויען האָבן פֿאַר דער צײַט זיך געפֿעלט און פֿאַרבליבן אַזוי אַרום אין סיבירער ערד אויף אַלע אייביקייטן. קיין מצות, ווידער, האָבן מיר שוין מער, אַפֿילו בדרך־נס, נישט געהאַט און אויך קיין חשק נישט צו פּראַווען נאָך אַ מאָל אַ ״סדר״ אין סיביר.